דער בלעטל
# טיב הקהילה
אויף אידיש
יו"ל ע"י קהילת שבתי בבית ד'
בנשיאות מורנו ורבנו הרה"צ
רבי גמליאל הכהן רבינוביץ שליט"א

**כי תשא**
**י"ח אדר תשפ"ו**

די צייטן לויט אופק ירושלים

זמני הדלקת הנרות ומוצ"ש

| | |
|---|---|
| הדה"נ | 5:05 |
| מוצש"ק | 6:19 |
| ר"ת | 6:58 |

סוף זמן קריאת שמע ותפילה

| | | | |
|---|---|---|---|
| סוזק"ש א' | 8:10 | סוז"ת א' | 9:23 |
| סוזק"ש ב' | 8:52 | סוז"ת ב' | 9:51 |

גליון מס': קע"ו
שנה ד'

## טיב הפרשה

# לטהר טמאים לטמא טהורים

## פרה אדומה בזמן הזה

די תלמידים פון דער הייליגער בעל שם טוב הק' האבן אמאל גערעדט מיט זייער רבי'ן איבער די מצוה פון פרה אדומה און איר פנימיות.

די תלמידים האבן געוואלט פארשטיין ווי אזוי קען די מצוה ארבעטן. פון איין זייט איז זי א זעלטענע מצוה, אז דורכאויס די הונדערטער יארן וואס דער בית המקדש איז געשטאנען על תילה, איז אויסגעקומען בלויז געציילטע פעלער ווען עס איז אונטערגעקומען מקיים צו זיין די מצוה.

די תלמידים האבן געוואלט וויסן ווי אזוי קען מען מקיים זיין די מצוה ווען די מצוה איז אזא זעלטענע מצוה. נאך א זאך האבן די תלמידים געוואלט פארשטיין, ווי אזוי קען זיין די זאך אז די פרה איז מטהר טמאים ומטמא טהורים, אז די זעלבע זאך וואס איז מקדש א איד, ברענגט אויך די פארקערטע פעולה?

דער בעל שם טוב הק' האט געגעבן צו פארשטיין די כוונה פון דעם ענין על פי פנימיות פון דעם ענין. ער האט זיי געזאגט אז די 'פרה' איז א רמז צו די מידה פון גבהות, וועלכע איז מגדיל ומפרה די מענטש, עס איז אים גורם צו גאוה, צו זיך גרויסהאלטן.

מיר וויסן דאך אז די מידה פון גאוה איז א מיאוס'ע מידה, עס איז דער שורש פון אסאך עבירות, אבער אין די זעלבע צייט וואס עס איז גורם צו גאוה, איז אויך די מידה פון שפלות, טראץ וואס עס איז א גוטע מידה, אויך א מידה וואס קען אראפברענגען דער מענטש צו א נידריגע שטופע, ווייל ווען א איד איז בשפלות, וועט א איד נישט האבן די שטארקקייט זיך מתגבר צו זיין אויף די יצר הרע, ער וועט ווערן נאכגעלאזט און זיין געפאלן ביי זיך.

עס קומט אויס אז אינדערצייט וואס א איד דארף בעצם זיין בשפלות, דארף אבער די שפלות קומען נאך דעם וואס ער האט אין זיך אויך א טראפעלע פון די מדה פון גאוה, ער זאל שפירן אז ער האט ביי זיך עפעס.

די נקודה פירט אונז צו א געוויסער מהלך פון 'מטהר טמאים ומטמא טהורים'.

אויב דער איד איז אויף א מצב אז ער אזוי שפל'דיג ביי זיך, אז ער האט נישט די כח זיך צו דערהייבן פון זיינע תאוות עולם הזה, מוז ער האבן אביסל גאוה זיך צו קענען דערהייבן, אבער ווען ער איז שוין דערהויבן, דארף ער אויסרייסן פון זיך די מידה פון גבהות און צוריק ווערן ביי זיך בשפלות.

די בחינה איז נישט נאר דא איינמאל אין לעבן ווען א איד

## טיב המערכת

# כשר'ע געלט

עס ווערט דערציילט אויף א צדיק וועלכער איז געזעצן ביי א פארברענג צוזאמען מיט זיינע חסידים, און ער האט געהייסן אז מען זאל ברענגען אביסל בראנפן, כדי צו מאכן א 'לחיים', און ממשיך זיין דורכדעם השפעות פאר כלל ישראל. ער האט זיך אבער אויסגענומען מיט זיי, אז מען זאל קויפן די בראנפן בלויז מיט געלט וואס איז כשר למהדרין, און איז ריין פון יעדן חשש פון גניבה.

איז, יעדער איינער וואס האט געוואלט געבן זיין ביישטייערונג פארן רבי'ן, האט דער רבי געוואלט וויסן פון וואו ער האט די געלט, און נאך עטליכע פראגן האט דער רבי געטראפן א סיבה פארוואס די געלט האט א חשש אז עס איז נישט קיין כשר'ע געלט, און ער האט נישט מסכים געווען עס צו נעמען פון אים. ביז איינער האט אויסגעשטרעקט געלט פארן רבי'ן, און גע'טענה'ט אז זיין געלט איז כשר בתכלית הכשרות, אן קיין ספק. האט אים דער רבי געפרעגט: און פון וואו ווייסטו דאס? האט אים דער חסיד געענטפערט, אז דאס איז געלט וואס ער האט געבארגט, און וויבאלד עס איז אנגעקומען צו אים אן צו האנדלען, זאגט די סברא אז דאס איז טאקע געלט אן קיין שאלות. און זיינע ווערטער האבן געפינען חן אין די אויגן פונעם רבי'ן.

מענטשן ווייסן נישט ווי ווייט מען דארף אכטונג געבן אויף די כשרות פון געלט, אז עס זאל זיין ריין און הייליג, און על כל פנים אז עס זאל נישט זיין קיין אסור'דיגע געלט. מען ווייסט נישט וויפיל באגריפן ליגן אין דעם, וואס זענען צוזאמגעשטעלט פון הונדערטער פרטי הלכות, און דעריבער קענען זיי נישט וויסן קלאר אויב זייער געלט איז כשר בתכלית הכשרות. מען דארף אבער אכט לייגן דערצו, און מאכן א חשבון הנפש, צי די געלט קומט אן צו זיי ביושר און עס איז נישטא אויף דעם קיין שום נִדְנוּד אִסּוּר.

אויף דעם איז די תורה הקדושה מרמז אין די פרשה פון די וואך, זאגנדיג דעם ציווי פון געבן דעם 'מחצית השקל' פארן בית המקדש און די קרבנות, און דער פסוק זאגט 'זֶה יִתְּנוּ' – אז דאס געבן זאל אזוי זיין: 'מַחֲצִית הַשֶּׁקֶל' זאל מען געבן פון געלט וואס איז אין די בחינה פון 'בְּשֶׁקֶל הַקֹּדֶשׁ', דאס מיינט געלט וואס טראגט נישט אויף זיך קיין חשש אז עס איז נישט אנגעקומען צום מענטש ביושר און באמונה.

אט די מצוה איז דאך אפהענגיג אין די געלט פון א מענטש, און ווען דער מענטש וויל אז די נתינה זאל זיין אויף זיין נאמען, און ער זאל מקיים זיין דערמיט די מצוה אזוי ווי עס דארף צו זיין, דארף ער זיין זיכער אז די געלט איז זיינס, ווייל אויב עס איז נישט אזוי, קומט אויס אז נישט ער איז דער נותן, און נישט ער איז דער וואס האט מקיים געווען די מצוה.

און וויבאלד די תורה הקדושה האט געוואוסט אז דער ענין איז צוזאמגעשטעלט פון אסאך זאכן, דעריבער האט זי מרמז געווען אז דער מענטש דארף דאס פעסטשטעלן, ביז עס איז קלאר ביי אים אז זיין געלט איז כשר, און ער האט טאקע מקיים געווען די מצוה כְּתִקּוּנָהּ.

(עפ"י טיב התורה – תשא)

טיב ההודעות

מען קען הערן שמועס'ן און דרשות
פון מורנו ורבנו שליט"א - אין א עקסטערע נומער
אידיש: 073-2951321 לשה"ק: 073-2951320

איז בשפלות, די זאך איז שטענדיג דא ביי א איד, און אויך ביי צדיקים. א איד איז כסדר עולה ממדריגה למדריגה, ער גייט ארויף העכער און העכער. ווען ער דארף ארויפגיין א דרגה קומט אויס אז די פריערדיגע דרגה אין וואס ער איז פריער געווען איז א בחינה פון 'טומאה' קעגן די דרגה אין קדושה וואו ער קען יעצט עולה זיין א דרגה העכער.

מיר ווייסן אז אין עבודת ה' איז דא א בחינה פון עולם שנה ונפש, אז עס איז דא צייטן ווען עס איז מער מסוגל פאר עבודת ה' און אויך מקומות וואס זענען מער מסוגל צו עבודת ה', ווי דער זיין אויף א געוויסער הייליגער ארט, וואס איז מער מסוגל צו עבודת ה', אבער אויך אין טייל פון 'שעה' אז עס איז דא געוויסע צייטן ווען עס איז מער מסוגל צו עבודת ה', ווי א גאנץ יאר.

ביי פרה אדומה איז געווען די בחינה, אז די בחינה פון פרה אדומה איז געווען אין געוויסע צייטן, אבער דאס איז געווען בזמן שבית המקדש היה קיים, אבער היינטיגע צייטן, ווען די בית המקדש שטייט נישט און עס פעלט די בחינה, זענען כלל ישראל כרגע, מען האט נישט די בית המקדש, אבער די חלק הפנימי פון די טומאה וטהרה און גדלות און דאגעגן שפלות איז נאך אלץ קיים.

זאל הקב"ה געבן אז מ'זאל זוכה זיין צו האבן התעלות בעבודת ה' אין יעדער מצב.

# טיב ההשגחה

## מעשיות אויף השגחה פרטית

### געשריבן הזך לייענערס

## על מי מנוחות ינהלני

### אלעס פירט זיך פון אויבן

יעדער איד איז זוכה צו זען דער יד ה' פון צייט צו צייט, אבער עס לאזט זיך זאגן אז א איד וואס שטייט העכער א ביזנעס, זעט עס מער ווי יעדן איינעם.

איך קען מיטטיילן מערערע געשיכטעס ווי אזוי איך האב קלאר געזען דער יד ה', אבער היינט וויל איך ענק מיטטיילן מיט א לעצטערע געשיכטע, וואו איך האב זוכה געווען צו זען מיט א קלארקייט דער יד ה'.

איינס פון די שליסלעך צו א גוטער ביזנעס, אז ער זאל קלאפן ווי ס'דארף צו זיין, איז דער האבן גוטע און געלונגענע איינגעשטעלטע אין די ביזנעס. אז דו האסט גוטע ארבעטער קלאפט די ביזנעס, אז נישט פירט זיך עס נישט, ווי עס דארף צו זיין.

פאר עטליכע יאר אין איין ציה האב איך געהאט ביי מיר אין דער ביזנעס אן ארבעטער. ער האט געארבעט פיין, אבער עס האט געקענט זיין בעסער.....

מיט א איד'ס פרנסה שפילט מען זיך נישט ארום, איך האב אים נישט געוואלט פארשיקן פון די ארבעט, אבער איך האב אויסגעקוקט אויף א בעסערער ארבעטער. אין א טאג איז מיר אונטערגעקומען אן אויסוואל פון א בעסערער ארבעטער. יענער האט אויסגעזען א פעאיגער ארבעטער, איינער מיט צוויי רעכטע הענט, איך האב געגלייבט אז יענער וועט קענען אסאך אויפהייבן מיין ביזנעס.

קיין געלט צו צאלן פאר צוויי איינגעשטעלטע האב איך נישט געהאט, איך בין געווען אין א דילעמע, וואס טוה איך דא? נישט טרעפנדיג קיין בעסערע אויסוועג האב איך אריינגענומען דער פלייסיגער ארבעטער און געלאזט דעם אלטן, גלייבנדיג אז עס וועט זיין גוט, אז ענדע וועט זיך עפעס אויסקאכן.

עס איז אריבער עטליכע טעג. מיין אלטער ארבעטער קלינגט מיר אן. ער דערציילט מיר אז מען האט אים פארגעשלאגן א בעסערע ארבעט מיט א העכערע געהאלט. ער האט געוואלט הערן וואס כ'האב אים צוזאגן דערוועגן. איך האב אויסגעדרוקט מיין באדויער אז ער פארלאזט די ארבעט, אבער אין די זעלבע צייט, האב איך אים ערקלערט אז איך קען נישט צאלן די פרייז וואס יענער וויל צאלן און אז ער וויל גיין באפריי איך אים צו גיין.

ער האט טאקע פארלאזט די ארבעט און זיך מער נישט אומגעקערט צו די ארבעט.

איך האב זיך געפרייט אז דאס האט פאסירט פונקט אין א צייט ווען איך האב געהאט ביי מיר א פרישער ארבעטער.

מען האט געזען בחוש ווי אזוי זאכן פירן זיך צום גוטן, ביז היינט האט נאך קיין איינער נישט אים געבעטן ער זאל קומען ארבעטן ביי אים, און דא פלוצלונג איז געקומען צוגיין אזא אומגעראכטענע בקשה.

פאר מיר איז עס געווען נאך א צייכן אז אלעס פירט זיך פון אויבן, מיט א גענויע חשבון.

[דערציילט דורך דער בעל המעשה: פ.פ.]






די פאראינטערעסירטע צו מיט טיילן מזכה זיין את הרבים מיט מעשיות פון השגחה פרטית זאל שיקן צו ר' שמחה סמואלס אין פקס: 15326517922

# שבת קודש – ג'

**"וְשָׁמְרוּ בְנֵי יִשְׂרָאֵל אֶת הַשַּׁבָּת לַעֲשׂוֹת אֶת הַשַּׁבָּת לְדֹרֹתָם בְּרִית עוֹלָם"** (לא טז)

זאגט דער **אור החיים הקדוש זי"ע**, וזה לשון קדשו: "עוֹד יִרְצֶה, [**וְשָׁמְרוּ** בְנֵי יִשְׂרָאֵל אֶת הַשַּׁבָּת], עַל דֶּרֶךְ אוֹמְרוֹ (בראשית לז, יא) 'וְאָבִיו **שָׁמַר** אֶת הַדָּבָר', פֵּרוּשׁ מַמְתִּין וּמְצַפֶּה מָתַי יָבֹא".

"וְהַכַּוָּנָה בָּזֶה, לְצַוּוֹת שֶׁלֹּא יִהְיֶה הַשַּׁבָּת כִּדְבַר טֹרַח, לְצַד מְנִיעַת מְלֶאכֶת הָרָצוֹן וּמְצוֹא הַחֵפֶץ. – אֶלָּא צְרִיכִין לִשְׂמוֹחַ בּוֹ בִּשְׁלֵימוּת הָרָצוֹן, וְחֵפֶץ בַּדָּבָר, וְתָמִיד יִהְיֶה מַמְתִּין וּמְצַפֶּה מָתַי יָבֹא".

"וְאוֹמְרוֹ 'לַעֲשׂוֹת אֶת הַשַּׁבָּת', לִשְׁלֹל הַכַּוָּנָה בְּחֵפֶץ מִצְוַת הַשַּׁבָּת לְמַרְגּוֹעַ הַגּוּף, וּלְעֹנֶג אֲשֶׁר יִתְעַנֵּג. – אֶלָּא לְצַד עֲשׂוֹת מִצְוַת הַשַּׁבָּת, וְלֹא לְתַכְלִית הַמַּרְגָּשׁוֹת".

***

איך האב געהערט פון מיין מחותן **הגה"צ רבי חיים אורי פריינד שליט"א, חבר הבד"ץ** פה עיה"ק ת"ו, א וואונדערליכע מעשה, וואס טראגט מיט זיך אסאך מוסר השכל.

**הגה"ק רבי עקיבא אייגער זצוק"ל** האט זיך אמאל געדארפט ארויסלאזן אויף א ווייטע נסיעה, און אום ערב שבת קודש צופרי איז ער אנגעקומען צום עיר גדולה לאלקים **'ניקלשבורג'**, וואו עס האט דעמאלטס משמש געווען ברבנות זיין גוטער פריינד **הגאון המפורסם רבי מרדכי באנעט זצוק"ל**, וועלכער איז אויך געווען דער 'רב הכולל' פון גאנץ 'מדינת **מֶעהְרֶן** והגלילות'.

האט רבי עקיבא געהאט א ספק וואס צו טון, ווייל אויב ער וועט אריינגיין באזוכן ביי זיין חבר דער מרא דאתרא, וועט ער דאך אוודאי אלץ דרך ארץ אים דארפן לאדענען אז ער זאל קומען צו אים צוגאסט פאר שבת קודש, און מעגליך איז זיין משפחה נישט גרייט דערצו. אויך האט ער מורא געהאט טאמער וועט אים דער רב דארפן מכבד זיין במשך דעם שבת, און דאס וועט אים שטערן פון זיין געהויבענע עבודה אום שבת קודש מיט די מענטשן פון זיין קהילה.

דעריבער האט ער זיך אויסגעזוכט עפעס א קליינע, שטילע און זייטיגע אכסניא, און ער האט טאקע געטראפן עפעס א קליינע גאסטהויז ביים עק פונעם שטאט, וואו ער האט געהאפט צו ווילן במשך דעם שבת מיט רואיגקייט און מיט לימוד התורה הקדושה ברציפות מיט גרויס התמדה און שקידה כדרכו בקודש.

ווען ער איז אריינגעקומען אינעם גאסטהויז, האט מען אים אויפגענומען בכבוד און בסבר פנים יפות. ווען דער בעל הבית האט אים געפרעגט ווער ער איז, האט ער געענטפערט אז ער איז א 'מלמד' פון די שטאט פוזנא, און ער וויל דא איינשטיין אינעם גאסטהויז, און נאך שבת קודש וועט ער פארזעצן זיין וועג.

נאכדעם וואס ער האט מסדר געווען זיינע זאכן אין זיין צימער, ווען רבי עקיבא אייגער געבעטן אז מען זאל אים זאגן ווער איז דער שוחט וואס האט דא געשאכטן די פלייש לכבוד שבת, האט אים דער בעל אכסניא געזאגט: איך בין דא דער שוחט! "דא האסטו", האט ער געזאגט, און דערביי האט ער אים געוויזן דעם מעסער מיט וואס מען שניידט די ברויט...

ווען רבי עקיבא אייגער האט דאס געזען, איז ער דערציטערט געווארן – וויאזוי קען מען זיך פארלאזן אויף אזא שוחט, וואס געבט צו עסן פאר אידן נבילות וטריפות?

גלייך אויפן ארט האט רבי עקיבא אייגער באשלאסן, אז מען מוז שוין יעצט ראטעווען אלע אידן וואס האבן דא געקויפט פלייש פאר שבת קודש, אז זיי זאלן נישט געשטרויכלט ווערן מיטן עסן נבילות וטריפות! און וויבאלד ער האט געזען אז דאס איז דער מצב, האט ער נישט געהאט קיין אנדער ברירה, און ער האט שוין געמוזט גיין אויף א באזוך אינעם הויז פונעם מרא דאתרא, כדי אים צו לאזן וויסן איבערן געפערליכן שטרויכלונג וואס איז אנטפלעקט געווארן אין זיין שטאט.

ווען דער גרויסער גאון רבי עקיבא אייגער איז אנגעקומען צום הויז פונעם רב, איז ער דארט אויפגענומען געווארן בכבוד מלכים, און יעדער האט זיך געפריידט צו אים. דער הייליגער רב דער מרא דאתרא איז ארויסגעגאנגען אנטקעגן אים און אים מקבל פנים געווען מיט גרוסי כבוד, און אזוי זענען אט די צוויי גדולי עולם אריינגעגאנגען צוזאמען אין הויז מיט גרויס ליבשאפט, און גלייך האט זיך ענטוויקלט צווישן זיי א טיפזיניגע תורה'דיגע שמועס ווי דער שטייגער פון תלמידי חכמים. דערנאך האט רבי עקיבא אייגער געבעטן אז אלע אנוועזנדע זאלן ארויסגיין פונעם צימער, און ווען נאר ער אליין איז געבליבן אין צימער מיטן רב, האט ער אים געפרעגט, וויאזוי איז מעגליך צו שטעלן אזא 'שוחט' אין אזא חשוב'ע און געהויבענע שטאט וואס איז פול מיט חֲכָמִים וְסוֹפְרִים יְרֵאִים וּשְׁלֵמִים, אינדערצייט וואס ער געבט זיי צו עסן נבילות וטריפות!

הערנדיג די ווערטער, איז דער מרא דאתרא שטארק דערציטערט געווארן, און געזאגט: איך קען אים גוט, און ער איז זייער אן ערליכער איד, און איז קיינמאל נישט געווען קיין שוחט!

תיכף האט דער רב באפוילן אז מען זאל רופן דעם בעל אכסניא, און צוזאמען מיט זיין גאסט האבן זיי אים געווארט. ביז א קורצע צייט איז דער מענטש אנגעקומען אין הויז, און מען האט אים גלייך אריינגעברענגט צום רב. ווי נאר ער איז אריינגעקומען אין צימער, האט אים דער רב געפרעגט: "זאג דעם אמת! ווער האט געשאכטן פאר דיר די עופות פאר שבת"?

"דער ארטיגער שוחט", האט דער בעל אכסניא געענטפערט, "דאס איז דאך דער שוחט וואס דער רב האט געשטעלט אז ער זאל שעכטן פאר אלע מענטשן פון שטאט"!

"אבער פאר מיין הויכגעשעצטער גאסט האסטו געזאגט אז דו ביסט דער שוחט"! – האט אים דער רב גע'טענה'ט.

יא, האט זיך דער בעל אכסניא צושמייכלט, און געזאגט ווערטלדיג: "אויב ער איז א 'מלמד' אין פוזנא, דעמאלטס בין איך דער 'שוחט' אין ניקלשבורג"...

עס האט זיך ארויסגעשטעלט אז דער בעל אכסניא האט גוט געקענט רבי עקיבא אייגער, און ווי נאר רבי עקיבא איז אנגעקומען צו זיין אכסניא און האט זיך געמאכט אזוי ווי ער איז א פשוט'ער מלמד פון פוזנא, האט ער פארשטאנען אז ער פלאנט זיך דא צו באהאלטן דורכאויס דעם שבת. ער איז אבער געווען זייער אומקלאר ביי זיך, אויב מען מעג פארהוילן פונעם מרא דאתרא און אלע מענטשן פונעם שטאט, איבערן גרויסן איבערראשונג אז עס געפינט זיך אזא געהויבענער גאסט דא אין געגנט... וועט דער גרויסער גאון ישראל וקדושו זיך זיצן דא רואיג אין שטאט, און זיי וועלן גארנישט וויסן דערפון? – דעריבער האט ער זיך געקליגט און זיך געמאכט אזוי ווי ער איז דער שוחט... און אים געוויזן דעם ברויט־מעסער... וואס ער האט פארשטאנען אז דורכדעם וועט רבי עקיבא אייגער זיין געצוואונגען זיך צו מגלה זיין פארן רב כדי דאס צו פאררעכטן, און אזוי וועט מען וויסן אין שטאט אז עס איז אנגעקומען אזא חשוב'ער גאסט.

ווען דער באזוך האט זיך געענדיגט, האט הגאון רבי מרדכי באנעט געזאגט צו זיין פריינד רבי עקיבא אייגער, אז וויבאלד עס איז שוין באוואוסט געווארן אז ער איז דא אנגעקומען פאר שבת קודש, בעט ער אים אז ער זאל בלייבן דא ביי אים אינדערהיים, און ער וועט אים צושטעלן אלעס וואס מען דארף פאר שבת קודש.

אין אנהייב האט רבי עקיבא אייגער פראבירט זיך ארויסצודרייען, ערקלערנדיג אז ער וויל נישט שטערן די געוועגליכע סדרי השבת וואס זענען דא איינגעפירט, און ער וויל נישט זיין פאר זיי א לאסט, וויבאלד ער האט קיינעם נישט געמאלדן פון פאראויס איבער זיין אנקום. מיט זיין איידעלן נפש האט ער פראבירט אויסגעפינען, צי עס איז מעגליך דא עפעס א קליין שטעטל נעבן ניקלשבורג, צו וועלכע מען קען נאך אנקומען באצייטנס פאר שבת קודש, בעוד היום גדול.

אבער מהר"ם באנעט האט אים זייער שטארק געבעטן אז ער זאל בלייבן, און אים געגעבן צו פארשטיין אז ער שטערט בכלל נישט, חלילה, נאר פונקט פארקערט, עס וועט זיין א גרויסן כבוד פאר אים און פאר זיין משפחה און פאר די גאנצע קהילה קדושה, אז זיי וועלן זוכה זיין צו אזא חשוב'ער גאסט, און דאס טראגט מיט זיך הרמת קרן התורה, און הרמת קרן השבת!

ווען רבי עקיבא אייגער האט געזען אז עס איז אזוי, האט ער נישט געהאט קיין אנדער ברירה, און ער איז געבליבן פאר שבת קודש ביים גרויסן רב. בליץ שנעל האט זיך פארשפרייט די שמועה איבערן שטאט, אז דער גרויסער גאון רבי עקיבא אייגער געפינט זיך דא אין שטאט אינעם הויז פונעם רב, און יעדער איינער האט געוואלט זען זיין הייליגן געזיכט.

דער מרא דאתרא האט מכבד געווען רבי עקיבא אייגער איבערצוגעבן א **'דרשה'** אום שבת נאכמיטאג אינעם צענטראלן בית המדרש אין שטאט, און נאך אינעם זעלבן ערב שבת איז פארשפרייט געווארן איבערן שטאט די **'מראי מקומות'** פארן דרשה פונעם גרויסן גאון, כדי די תלמידי חכמים און די לומדים זאלן זיך קענען גוט צוגרייטן צום גרויסן דרשה.

די שבת איז אריבער אויף זיי מיט גרויס דערהויבנקייט, און פון איבערן גאנצן שטאט האבן זיך יונג און אלט צוזאמגענומען זיך צו באטייליגן ביי די תפילות פון די צוויי עמודי עולם אינאיינעם, און כדי זוכה צו זיין צו באקומען א ברכה פונעם גרויסן גאסט.

דאס 'שפיץ' פונעם שבת איז געווען, ווי עס פארשטייט זיך, דעם גרויסן דרשה. במשך דעם גאנצן שבת זענען געזעצן די תלמידי חכמים אין די בתי מדרשים איבערן שטאט, יונג און אלט צוזאמען, און אינאיינעם מיט די גרויסע לומדים האבן זיי זיך גוט צוגעגרייט צום דרשה, גוט דורכלערנענדיג די מראי מקומות, כדי זיי זאלן קענען גוט פארשטיין דעם טיפזיניגן פלפול פון רבי עקיבא אייגער, וועלכער איז געווען באוואוסט איבער די גאנצע וועלט מיט זיין געוואלדיגע גאונות.

ווען דער באשטימטער צייט איז אנגעקומען, איז דער גרויסער בית המדרש פול געווען פון עק צו עק, און די פאר וועם עס איז נישט געלונגען זיך אריינצושטופן אינעווייניג, האבן זיך צוגעשטופט ארום די פענסטערס, כדי צו קענען זען און הערן און מיטהאלטן די דרשה אזוי ווי עס דארף צו זיין.

אט האט זיך אראפגעלאזט א שטילקייט אין בית המדרש, ווען הגאון הגדול רבי עקיבא אייגער איז געזעסן געווארן אינעם היכל, אנגעהאלטן דורכן גרויסן רב דער מרא דאתרא, אוןביידע זענען

ארייגעגאנגען צוזאמען צום בית המדרש. דער רב האט זיך אוועקגעזעצט ביי זיין ארט ביים מזרח־וואנט, און רבי עקיבא אייגער איז ארויפגעגאנגען אויף די טרעפ פונעם ארון הקודש, און נאכן קושן דעם הייליגן פרוכת שפענדיג א הארציגע תפילה שטילערהייט, איז ער צוגעגאנגען צום באשטימטן פלאץ, און מיט א הויכן און געשמאקן קול האט ער אנגעהויבן זיין דרשה.

נאכן אנהייבן 'בִּכְבוֹד אַכְסַנְיָא' (ברכות סג:), און נאכן בעטן רשות פונעם מרא דאתרא, האט ער אנגעהויבן מיט א געוואלדיגע חריפות, עוֹקֵר הָרִים וְטוֹחֲנָן בִּסְבָרָא יְשָׁרָה וְאֵיתָנָה, און כדרכו בקודש האט ער צוזאמגעפלאכטן איין סוגי אמיטן אנדערן, ווען אלע פארזאמלטע בלייבן שטיין ערשטוינט פונעם געוואלדיגן גאונות וואס האט זיך דא צוגאסן פאר זיי מיט גרויס שפע.

דער גרויסער רב, מהר"ם באנעט, וועלכער איז געזעצן אויף זיין פלאץ פון דער זייט, האט זייער הנאה געהאט פון די דרשה, ווען ארום אים זענען געזעצן די גרויסע רבנים און תלמידי חכמים מופלגים פון שטאט, און פון צייט צו צייט האבן זיי געשושקעט צווישן זיך, באמערקנדיג פארשידענע הערות איבער די ווערטער פונעם גרויסן גאון.

אין אנהייב איז עס געווען שטילע שפעשרייען, אבער ווי טיפער דער גאון איז געגאנגען מיט זיין דרשה, האבן די געזיכטער פון די לומדים און פונעם רב אנגעהויבן פלאמען מיטן אֵשׁ הַתּוֹרָה.

ביי א געוויסן שטאפל פונעם דרשה, האט דער מרא דאתרא געבעטן רשות פון רבי עקיבא אייגער אפצושטעלן זיין דרשה פאר א מינוט, און ער האט געפרעגט א גרויסע קשיא אויף זיינע ווערטער.

דער גרויסער גאון און צדיק האט אויסגעזען צוטומלט פאר א מינוט, און ער האט גלייך געזאגט: דאס איז טאקע א געוואלדיגע קשיא, **צריך עיון גדול!**

רבי עקיבא אייגער האט געענדיגט זיין דרשה מיט דברי אגדה און חיזוק אין אידישקייט, שְׂפָתַיִם יִשָּׁק מֵשִׁיב דְּבָרִים נְכֹחִים! און ווען ער האט געענדיגט רעדן איז ער אראפגעגאנגען פונעם בימה.

נאכן קדיש דרבנן, האט זיך דער גאנצער עולם גענומען דאווענען מנחה און פראווען שלש סעודות ברוב עם, אין שפיץ פון די גאונים הצדיקים.

זיצנדיג ביי די סעודה אין מזרח צוזאמען מיט זיין חבר דער מרא דאתרא, ווען זיי האבן גערעדט צווישן זיך שטילערהייט, האט רבי עקיבא אייגער געפרעגט דעם רב מיט א רואיגן טאן: וועגן דער ענין וואס איר האט געפרעגט ביי די דרשה, איז דאך דער תירוץ זייער פשוט. און דערביי האט ער גוט פארענטפערט די גאנצע קשיא, אזוי אז עס איז גארנישט געבליבן שווער!

מהר"ם באנעט איז צושטורעמט געווארן פונעם וואונדערליכן תירוץ, און האט נישט באהאלטן זיין שטוינונג: אויב איר האט געהאט אזא שיינעם תירוץ אויף מיין קשיא, איז פארוואס ווען איך האב עס געפרעגט אינמיטן די דרשה, האט דער רב געזאגט אז מיין שאלה איז **צריך עיון גדול**?!

דאס איז דאך פשוט! האט רבי עקיבא אייגער געענטפערט. איך בין דאך דא א גאסט, וואס איז געקומען נאר פאר איין שבת, און אויב וועלן די שטאט־לייט מיינען אז איך האב נישט קיין ענטפער פאר די קשיא פונעם רב, וועל איך גארנישט דערלייגן פון דעם. – אבער איר זענט דאך דער רב פון די שטאט, דער מרא דאתרא, דעריבער מוז זיין אז די שטאט־לייט זאלן אנערקענען און וויסן די גרויסקייט פון זייער רב און זיין געוואלדיגן גאונות, כדי זיי זאלן האבן **קַבָּלַת מָרוּת** פון אייך! דעריבער, כדי גרויסצומאכן דעם כבוד פונעם רב אין די אויגן פון זיינע שטאט־לייט האב איך ענדערש געוואלט אויסזען אזוי ווי איינער וואס האט נישט קיין תירוץ אויפן קשיא, און אזוי וועלן די שטאט־לייט שמועסן צווישן זיך, אז דער רב פון שטאט האט געפרעגט אזא מורא'דיגע קשיא, אז אפילו רבי עקיבא אייגער האט עס געלייגט אין א 'צָרִיךְ עִיּוּן גָּדוֹל'!

דער רושם פון יענעם שבת איז נאך געבליבן דארט אין שטאט פאר לאנגע וואכן נאכדעם. דער באזוך פונעם גרויסן גדול בישראל האט געלאזט א געוואלדיגער איינדרוק איבער די מענטשן פון די שטאט!

**און נאכמער ווי מיר לערנען ארויס פון דא איבער זיין געוואלדיגע גדלות און גאונות אין די תורה הקדושה, לערנען מיר ארויס זיין וואונדערליכע ענוה, און זיינע שיינע וועגן אין זיינע גוטע און ערליכע מידות, דורכטראכטנדיג יעדער זאך – אפוועגנדיג דעם כבוד פונעם מרא דאתרא, און די טובה פון יענעם, און נישט פון מיר זעלבסט...**

***

"וְשָׁמְרוּ בְנֵי יִשְׂרָאֵל אֶת הַשַּׁבָּת – לַעֲשׂוֹת אֶת הַשַּׁבָּת לְדֹרֹתָם", דער יסוד פון היטן דעם שבת און נישט טון אין איר קיין מלאכה אדער טראגן דארט וואו מען טאר נישט א.ד.ג., איז איינציג און די זעלבע ביי אלע אידישע קינדער. אבער וויאזוי "**לַעֲשׂוֹת אֶת הַשַּׁבָּת**", אויף וועלכן וועג זאל מען מאכן דעם שבת, און מיט וועלכן אינערליכן אינהאלט [תוכן] פראוועט מען דעם שבת למעשה, בפועל, דאס איז שוין '**לְדֹרֹתָם**', אזוי ווי מיר האבן געזען אין הויז פון אונזערע עלטערן און פון די עלטערן פון אונזערע עלטערן, לְדוֹרוֹתֵיהֶם.

ביי דעם, און ביי כָּל כַּיּוֹצֵא בָּזֶה, ווענדט זיך עס זייער שטארק לויט די צורה וויאזוי דער מענטש האט עס געזען אין הויז פון זיין טאטן, לויט ווי ער האט עס מקבל געווען פון זיין טאטן און פון דער טאטע פון זיין טאטע ולמעלה בקודש, און אזוי וועט ער אויך וייטערגיין לויט זייער הייליגע וועג.

פון דאס וואס איך בין נתחנך געווארן און געלערנט אינעם הויז פון אבי מורי **הגה"צ בעל מעדני השולחן זצוק"ל**, האב איך געזען ווי מען האלט דעם שבת זייער הייליג און דערהויבן, און דעם גאנצן יסוד פון קדושת השבת האב איך מקבל געווען און יונק געווען ביים הויז פון מיין טאטן.

די שבת סעודות אינעם הויז פון אבי מורי, זענען פול געווען מיט קדושה און ברכה, און טראץ די געוואלדיגע באהאלטנקייט וואס מיין טאטע האט זיך שטענדיג באהאלטן און פארשטעלט זיין גרויסקייט, און ער איז געווען נֶחְבָּא אֶל הַכֵּלִים מיט הַצְנֵעַ לֶכֶת אויך ביי זיך אינדערהיים. – פונדעסטוועגן, ביי די שבת'דיגע סעודות האט זיך אביסל אנטפלעקט פון די געוואלדיגע גרויסקייט פון זיין נפש, וואס האט געברומט און געלעכצט צום אויבערשטן מיט א געוואלדיגע ליבשאפט, בְּיִחוּדָא עִילָּאָה.

מנהגו בקודש איז געווען, אז ער האט געזינגען **אלע זמירות** מיט א געשמאקע שטימע, בְּקוֹל נָעִים גִּילַת וְרַנֵּן מיט כִּסּוּפִין דִּקְדֻשָּׁה, און ער האט לאנג ארומגערעדט איבער די ענינים פון די פרשה פון די וואך, און איבער די ענינים פון די הייליגע זמירות און זייערע ערקלערונגען.

און וויבאלד ער איז בְּעֶצֶם מַהוּתוֹ געווען אַן אִישׁ הֲלָכָה, וואס דער שולחן ערוך איז געווען נֵר לְרַגְלָיו אויף יעדן טריט און שריט, האט ער זיך געפירט מִדֵּי שַׁבָּת בְּשַׁבַּתּוֹ צו לערנען הלכות שבת בשעת די סעודה, כדי מען זאל וויסן וואס איז אסור און וואס איז מותר אום שבת קודש. און ביי די צווייטע סעודה האט ער פאָרגעלערנט פונעם הייליגן ספר '**חפץ חיים**', איבער די הלכות פון שמירת הלשון, וואס ער האט זייער מקפיד געווען דערויף, כידוע.

אויך פון **אמי מורתי ע"ה** האב איך אסאך יונק געווען אינעם גרויסן ליכטיגקייט און קדושה פון שבת קודש. יעדע וואך, ווען עס איז געווארן נאנט צום הייליגן שבת, ווען זי איז געגאנגען וואשן די פנים און די הענט פארן צינדן די שבת ליכט, נאכן שטיין א גאנצן טאג ביי די הייליגע ארבעט פון די הכנות צום הייליגן שבת, האט זיך די פארכט און דערהויבנקייט פון שבת קודש אראפגעלאזט אויף אלע מענטשן פון הויז, ביז מען האט כמעט געקענט פילן די קדושה פון שבת אין אלע ווינקלען פון הויז.

ווען זי האט אויסגעשפרייט אירע הענט איבער די הייליגע ליכט, און צוגעדעקט איר געזיכט מיט אירע הענט און געשעפשעט א הארציגע תפילה, האט זי פארגאסן טרערן ווי וואסער מיט אירע לויטערע תפילות. – אט די הייליגע געפיל איז גוט איינגעקריצט געווארן אינעם הארץ און זעל פון אירע קינדער און אייניקלעך פאר לאנגע יארן, לַעֲשׂוֹת אֶת הַשַּׁבָּת לְדֹרֹתָם בְּרִית עוֹלָם!

***

איך האב געהערט און מקבל געווען פון **כבוד אאמו"ר הגאון זצ"ל**, איבער די סִדְרֵי הַשַּׁבָּת וואס ער האט געזען אינעם הויז פון זיין טאטן, **הגה"צ המקובל רבי גמליאל הכהן זצוק"ל, ראש ישיבת קישינעוו**. און ער פלעגט אלעמאל דערציילן און שילדערן מיט באגייסטערונג איבער די גרויסע עבודה וואס זיין טאטע, הצדיק רבן גמליאל, האט געדינט דעם אויבערשטן מיט א געוואלדיגן התלהבות אום שבת קודש.

ווען ער איז געגאנגען מאכן קידוש אום ליל שבת קודש, האט זיין געזיכט געפלאמט ווי א פייערדיגן פאַקל, און ער האט אפגעראכטן דעם קידוש מיט א קוֹל חֹצֵב לַהֲבוֹת אֵשׁ, מיט גרויס התלהבות.

איידער ער האט אנגעהויבן מאכן קידוש, האט ער געהייסן אז אלע וואס שטייען פאר אים זאלן צוגיין און שטיין אונטער אים, און אפילו זיינע קינדער און הויזגעזינד האט ער נישט ערלויבט אז זיי זאלן שטיין אין פארנט פון אים און קוקן אויף זיין געזיכט ביי קידוש, און ער האט אוודאי געהאט א טַעַם כָּמוּס דערצו, וּמִי יָבֹא בְּסוֹד קְדוֹשִׁים.

די תפילות פון שבת האבן געדויערט ביי אים זייער לאנג, ווען ער האט פארגאסן זיין הארץ פארן אויבערשטן מיט גרויס התלהבות. א לאנגע צייט נאכדעם וואס דער ציבור האט שוין געענדיגט דאווענען, איז ער געבליבן אליין אין בית המדרש א לענגערע צייט, כדי צו משלים זיין דעם גאנצן סדר התפילה, און זיינע פילע סדרי הלימוד.

ווען מען האט שוין געהאלטן ביים אנהייבן די סעודת שבת ביי אים אינדערהיים, האט מען געשיקט מיין טאטע וועלכער איז דעמאלטס געווען א קינד, אז ער זאל אים אהיימרופן צו מאכן קידוש. שטענדיג האט מיין טאטע דערציילט, אז ווען ער איז אריינגעגאנגען אין בית המדרש אים צו רופן, האט ער געזען ווי זיין געזיכט האט געפלאמט **בִּדְחִילוּ וּרְחִימוּ**, זיך געפינענדיג אין א געוואלדיגע דביקות אינעם באשעפער און אינעם הייליגן שבת, שׁוֹשְׁבִינָא דְּמַטְרוֹנִיתָא.

די ספעציעלע טעלעפאן ליניע צו באשטעלן די ספרים פון 'מכון טיב'
פון הגה"צ רבי גמליאל הכהן רבינוביץ שליט"א
0733-22-76-09 קלינגט אריין באשטעלט דעליווערי פריי פון אפצאל - ביז צו אייער שטוב!

יהודי יקר! אל תחזיק טובה לעצמך, הנך מוזמן להדפיס ולהפיץ את העלון באזור מגוריך ולהיות שותף לזיכוי הרבים. המעוניינים יקבלו את העלון במייל (אפשר גם ישירות לדפוס) בקובץ להדפסה.
Anyone Interested in receiving Tiv Hakehila weekly in Hebrew or English should Email - Sheldon@hpins.net Or | zeligk@gmail.com or text 718-249-7173